**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/12/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול דערמאנט ניו יארקער צו אנטיילנעמען אינעם אויספארעמען לאנד'ס פירנדע סעקסועלע טשעפערייען פארמיידונג פאליסי**

***NYS לעיבאר דעפארטמענט וועט אפהאלטן א פובליק באגעגעניש, פנים אל פנים, דאנערשטאג, סעפטעמבער 15 צו רעדן איבער פאליסי ענדערונגען; רעגיסטרירט זיך צו אנטיילנעמען דא***

***ניו יארקער קענען אויך לאזן קאמענטארן דורך די לעיבאר דעפארטמענט'ס זיכערע בויגן אויף די אינטערנעט דא ביז סעפטעמבער 20***

***א לעבעדיגע ווידעאו איז פארעפענטליכט דא נאר פאר צוועקן פון זעהן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמוטיגט ניו יארקער זיך צו באטייליגן אין די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט'ס פובליק באגעגעניש פנים אל פנים צו אויסהערן קאמענטארן פון ארבייטער, ארבעטסגעבער און אנדערע פארמישטע פארטייען איבער די סטעיט'ס סעקסועלע טשעפערייען פארמיידונג פאליסי מוסטער פאר ארבעטסגעבער. די געהער איז א טייל פון אן אנגייענדע פראצעדור צו פארשטערקערן די סטעיט'ס סעקסועלע טשעפערייען פארמיידונג פאליסי מוסטער און עס שטרייכט אונטער די סטעיט'ס איבערגעגעבנקייט צו העלפן ארבעטסגעבער צו איינפירן די בעסטע תקנות אומזיסט.

די באגעגעניש וועט פארקומען סעפטעמבער 15, 2022, AM10:00 אין די Adam Clayton Powell Jr. סטעיט אפיס געביידע, צווייטע שטאק קאמיוניטי צימער ( 163 West 125th Street, New York, NY). טירן וועלן זיך עפענען AM9:30 .

"די פאנדעמיע האט אנגעברענגט אומשאצבארע שאדן צו אונזער ארבעטסקראפט, און מיר מוזן מאדערניזירן אונזער סעקסועלע טשעפערייען פארמיידונג פאליסי מוסטער כדי צו נאכיאגן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך מוטיג אלע ניו יארקער צו אויסנוצן די געלעגנהייט פון די צייט אפשניט וואס איז געגעבן געווארן פאר די פובליק צו איבערלאזן קאמענטירן זיך צו לאזן הערן און העלפן זיכער מאכן אז אונזער סטעיט זעצט פאר צו שטיין אין שפיץ פונעם לאנד מיטן אהערשטעלן זיכערע, אריינגעמנדע ארבעט'ס אטמאספערעס. עס קומט זיך נישט פאר קיינעם צו דארפן אויסשטיין סיי וועלכע סארט סעקסועלע טשעפערייען ביים ארבעטספלאץ, און מיר נעמען א וויכטיגע טריט פאראויס צו באשיצן ניו יארקער אין א ברייטע און ווירקזאמע וועג."

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט קאמישאנער ראבערטאָ ריערדאן האט געזאגט,** "די סעקסועלע טשעפערייען פארמיידונג פאליסי מוסטער איז געווען אן אמביציעזע אבער ערפאלגרייכע אונטערנעמונג, אבער דורכאויס די פארגאנגענע פיר יאר האבן זיך ארבעטספלעצער באדייטנד געטוישט אין פילע וועגן, הויפטזעכליך צוליב די ווירקונגען פון די פאנדעמיע און די פארמערונג אין ארבעט

פונדערוווייטנס. צו זיכער מאכן אז די אונטערנעמונג יאגט נאך די טוישנדע ארבעטספלעצער, פארלאנגט זיך אז די פאליסי זאל אריבערגיין אן איבערבליק פראצעדור יעדע פיר יאר. אונזער איבערבליק וועט זיך אסאך פארלאזן אויף די קאמענטארן וואס ווערן געהערט ביי די פובליק באגעגעניש, ווייל מיט ווייסן ווי וויכטיג עס איז פאר ארבייטער און ביזנעסער צו האבן א שטימע אין דעם פראצעדור. מיר מוטיגן יעדן איינעם און סיי וועם זיך צו באטייליגן."

דורכאויס די באגעגעניש וועט די פובליק האבן די געלעגנהייט צו איבערלאזן זייערע קאמענטארן פאר א פאנעל וואס וועט אריינרעכענען קאמישאנער ריערדאן, ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון מענטשן רעכטן (Division of Human Rights, DHR) קאמישאנער מאריא אימפעריאל און עליזאבעט פיין, ראטגעבערין פון גאווערנער האקול.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון מענטשן רעכטן קאמישאנער מאריא ל. אימפעריאל האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט נעמט גאר ערנסט די ציווילע רעכטן פון ארבייטער. מיר ווילן הערן פון איינפאכע ניו יארקער צו פארשטיין וואס געשעהט אויפן שטח כדי צו בויען בעסערע, מער יושר'דיגע און אריננעמנדע ארבעטספלעצער, פריי פון סעקסועלע טשעפערייען."

די אנאנס בויט אויף גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו פארשטערקערן ניו יארק'ס לאנד'ס-פירנדע סעקסועלע טשעפערייען פארמיידונג פאליסי מוסטער פאר ארבעטסגעבער. אין יולי האט זי אנאנסירט אז מיטגלידער פון די פובליק זענען איינגעלאדנט געווארן צו איבערלאזן קאמענטארן אויף די יעצטיגע סעקסועלע טשעפערייען פארמיידונגג פאליסי מוסטער דורך די [זיכערע בויגן](). ניו יארקער וועלכע קענען זיך נישט באטייליגן ביי די סעפטעמבער 15 באגעגעניש קענען פארזעצן אריינצוגעבן סטעיטמענטס דורך די NY.gov בויגן ביז סעפטעמבער 20, 2022.

די יעצטיגע סעקסועלע טשעפערייען פארמיידונג פאליסי מוסטער איז געשריבן געווארן אין 2018 אלץ טייל פון ניו יארק סטעיט'ס איבערגעגעבנקייט צו אוועקשטעלן זיכערערע און מער יושר'דיגע ארבעטספלעצער דורכן פארלאנגען אז אלע ארבעטסגעבער, נישט קיין חילוק ווי גרויס די ביזנעס איז, צו אננעמען א סעקסועלע טשעפערייען פארמיידונג פאליסי און גיבן יערליכע טרענירונג פאר ארבייטער. די געזעץ האט אויך געהאט א סעיף וואס פארלאנגט אז די סעקסועלע טשעפערייען פארמיידונג פאליסי מוסטער דארף איבערגעקוקט און איבערגעארבעט ווערן יעדע פיר יאר. די ארבעטספלאץ טוישט זיך כסדר, און די סטעיט איז איבערגעגעבן צו פארבעסערן איר סעקסועלע טשעפערייען פארמיידונג פאליסי מוסטער צו אפשפיגלען די אנטוויקלונג פון די ארבעט וועלט.

יעדער וואס וויל איבערלאזן א פערזענליכע עדות אדער זיך באטייליגן זאל זיך איינשרייבן דורך די [זיכערע רעגיסטראציע בויגן](). די עדות'ן וועלן געגעבן ווערן אין די סדר לויט ווען די מענטשן האבן זיך איינגעשריבן. פרעסע מיטגלידער וועלכע ווילן זיך באטייליגן זאלן באשטעטיגן זייער באטייליגונג דורך דעם זעלבן בויגן. אויב איר באטייליגט זיך, ברענגט ביטע אידענטיפיקאציע פאר זיכערהייט צוועקן.

פאר מער אינפארמאציע איבער די יעצטיגע סעקסועלע טשעפערייען פארמיידונג פאליסי מוסטער, גייט צו ["Combating Sexual Harassment in the Workplace" (באקעמפן סעקסועלע טשעפערייען ביים ארבעטספלאץ)]() און צו איבערלאזן קאמענטארן באזוכט די ["Model Sexual Harassment Prevention Policy" (סעקסועלע טשעפערייען פארמיידונג פאליסי מוסטער) בלאט]().

אויב איר אדער איינער וועם איר קענט גייט אריבער סעקסועלע טשעפערייען ביים ארבעטספלאץ, גיבט אריין א באריכט [דורך די אינטערנעט]() אדער רופט די DHR'ס נייע אומזיסטע סעקסועלע טשעפערייען האטליין אויף 1-800-HARASS-3, מאנטאג ביז פרייטאג, פון 9:00AM ביז 5:00PM .

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418